ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכתות

# ידים עוקצים

בלשון הקודש
ואידיש

**239**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

ספר

# עין יעקב

## מסכתות ידים עוקצים

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי וירושלמי,
הנמצאות במסכתות ידים עוקצים

עם פירוש רש״י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש״א, הרי״ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש״ס, וציוני המקראות בתנ״ך, והגהות הב״ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה״ר יוסף מאיר יעב״ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ״ו לפ״ק

# מסכת ידים פרק שלישי

(משנה ה) **ספר** שנמחק ונשתייר בה פ"ה א תיות כפרשת (במדבר י) ויהי בנסוע הארון מטמא את הידים . מגלה שכתוב בה פ"ה אותיות כפרשת ויהי בנסוע הארון מטמא את הידים . כל כתבי הקודש מטמאין את הידים . שיר השירים וקהלת מטמאים את הידים . ר' יהודה אומר שיר השירים מטמא את הידים וקהלת מחלוקת . ר' יוסי אומר קהלת אינו מטמא את הידים ושיר השירים מחלוקת . ר' שמעון אומר קהלת מקולי בית שמאי ומחומרי בית הלל . א"ר שמעון בן עזאי מקובל אני מפי שבעים ושנים זקנים ביום שהושיבו את ר' אלעזר בן עזריה בישיבה ששיר השירים וקהלת מטמאין את הידים . אמר רבי עקיבא חס ושלום לא נחלק אדם מישראל על שיר השירים שלא תטמא את הידים שאין העולם כלו כדאי כיום שנ'תן בו שיר השירים לישראל שכל הכתובים קדש ושיר השירים קדש קדשים ואם נחלקו לא נחלקו אלא על קהלת . אמר רבי יוחנן בן יהושע בן חמיו של ר' עקיבא כדברי בן עזאי כן נחלקו וכן גמרו

### פירוש

שמנו בתחלת מס' שבת י"ח דברים גזרו בו ביום ובכללם גזרו הדברים הפוסלין את התרומה בנגיעתם ואחד מהן ספרי הקדש לפי שבזמן ההוא היו מניחין התרומה בצד ספרי תורה ואומרים זה קדש וזה קדש והיו באים עכברים לאכול את התרומה ומפסידים הספרים וע"כ גזרו על כתבי הקדש כולן שפוסלין את התרומה כשיגעו בה בעבור זה אמר במשנה זו מטמא את הידים כי מי שנגע בידיו לאיזה ספר הקדש הרי הידים טמאות ופוסלין את התרומה לא יאכלנה בלא נטילת ידים : ויהי בנסוע הארון . אותה פרשה הוא ספר בפני עצמו כדכתיב הנה עמודיה שבעה ידרשו חכמים שזה נאמר על התורה שיש בה ז' ספרים כי ספר במדבר כשי נחלק לג' ספרים . הא' מתחלת הספר עד ויהי בנסוע . הב' אותה הפרשה ויהי בנסוע ובנחה ויש בה פ"ה אותיות והוא ספר אחד לבדו . הג' משם ועד סוף הספר . ואמרו : מגלה שכתוב בה . ר"ל כי הידיעה של ספר כיון שנכתב בו זה המנין מן האותיות נתקדשה והיתה מכתבי הקדש :



---

# פרק שלישי

משנה ה: ספר. א ספר תורה וואס איז אפ גימעקט גיווארען און עס איז געבליבען פינף און אכציג אותיות. אזוי וויא די פרשה ויהי בנסע הארן. וואס אין איר איז אויך דא פינף און אכציג אותיות. איז די ספר תורה מטמא די הענט. און א יריעה פון א ספר תורה וואס אויף איר איז געשריבען פינף און אכציג אותיות. אזוי וויא די פרשה ויהי בנסע הארן. איז זי מטמא דיא הענט. אלע הייליגע שריפט. אלע ספרים. זענען מטמא די הענט. שיר השירים און קהלת זענען מטמא די הענט. רבי יהודה זאגט שיר השירים האלטען אלע אז זיא איז מטמא דיא הענט. און אויף קהלת קריגען תנאים צוא זיא איז מטמא דיא הענט צו ניין. רבי יוסי זאגט קהלת האלטען אלע אז זיא איז ניט מטמא דיא הענט. און אויף שיר השירים קריגען תנאים צו זיא איז מטמא דיא הענט צו ניין. רבי שמעון זאגט ביי קהלת האלט בית שמאי גרינג אז זיא איז ניט מטמא דיא הענט. און בית הלל האלט ארגער אז זיא איז יא מטמא דיא הענט. רבי שמעון בן עזאי זאגט איך האב גיהערט פון צוויי און זיבעציג אלטע לייט אין יענעם טאג וואס מען האט גימאכט רבי אלעזר בן עזריה פאר אראש ישיבה. אז שיר השירים און קהלת זענען מטמא די הענט. האט רבי עקיבא גיזאגט חס ושלום איין מענטש פון יודען האט ניט געקריגט צוא זאגען אויף שיר השירים אז זיא איז ניט מטמא די הענט. ווארום די גאנצע וועלט איז ניט אזוי פיל ווערט וויא דער טאג וואס איהם איז גיגעבען גיווארען שיר השירים צו דיא יודען. ווארום גאנצע כתובים איז הייליג. און שיר השירים איז הייליגער פון אלע הייליגע. נאר אויב תנאים האבען געקריגט. האבען זייא מער ניט געקריגט נאר אויף קהלת. און קהלת איז מטמא די הענט אדער ניין. רבי יוחנן דער זוהן פון יהושע דער זוהן פון רבי עקיבאס שווער האט גיזאגט אזוי וויא רבי שמעון בן עזאי האט גיזאגט. אזוי האט מען געקריגט אויף שיר השירים מיט קהלת. און אזוי איז געבליבען אז שיר השירים מיט קהלת זענען מטמא די הענט

# פרק רביעי

(משנה ד) **בו** ביום בא יהודה גר עמוני ועמד לפניהם בבית המדרש אמר להם מה אני לבא בקהל א"ל רבן גמליאל אסור אתה א"ל ר' יהושע מותר אתה א"ל ר"ג הכתוב אומר (דברים כג) לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה' וגו' א"ל ר' יהושע וכי עמוני ומואבי במקומן הן כבר עלה סנחריב מלך אשור ובלבל את כל האומות שנאמר (ישעיה י) ואסיר גבולות עמים ועתודותיהם שוסיתי ואוריד כאביר יושבים א"ל ר"ג הכתוב אומר (ירמיה מט) ואחרי כן אשיב את שבות בני עמון וכבר חזרו א"ל ר' יהושע הכתוב אומר (עמוס ט) ושבתי את שבות עמי ישראל ועדיין לא חזרו והתירוהו לבא בקהל:

(משנה ה) **תרגום** שבעזרא ושבדניאל מטמא את הידים. תרגום שכתבו עברית ועברית שכתבו תרגום וכתב עברי אינו מטמא

הרמב"ם ז"ל. לפי שנתבלבלו האומות בזמן סנחריב כמו שנתפרסם בספרי הנבואה לפי שהיה מעביר האומות ממקום זו למקום אחר ע"כ הזרו משפחות האומות אצלנו נעלמים ואין יכולים ללמוד כלום ממקומותיהם וידוע כי ע' לשון כולם מותרים לבוא בקהל מיד חוץ מעמון ומואב ומצרי ואדומי והעיקר בידנו כל דפריש מרובא פריש וע"כ התירוהו לבוא בקהל מיד והתבונן איך לא הניח ר"ג מלהכנס במדרש ביום ההוא והוא המורד מן הישיבה והושיבו את ר"א בן עזריה כמו שנתפרסם לפי שהוא לא רצה בביטול תורה:

עברית. לשון עברית וכתב העברי כתב עבר והוא הכתב אשר כותבין בו התורה שעם הנקראים אלסמריט"ה והכתב הזה אשר נכתוב בו אנחנו התורה הוא כתב אשורית והכתב אשר בו כתב יתגנן התורה נקרא אשורי מן הגדולה והתפארה כמו באשרי כי אשרוני בנות והוא אמרם אשורי שהוא מאושר שבכתב לפי שאינו משתנה ולא יפול בו דמיון לעולם לפי שאותיותיו בלתי מתדמות לפי שאינו נדבק אות באות בשעת כתיבתו ואין זה בשאר הכתיבות עכ"ל הרמב"ם ז"ל:

# פרק רביעי

משנה ד: בו: אין דעם טאג וואס רבי אלעזר בן עזריה איז געווארען נשיא. איז געקומען איינער יהודה ער איז געוועזן גר פון עמון. אונ ער האט זיך געשטעלט פאר די חכמים אין בית המדרש. אונ דער יהודה האט געזאגט צו די חכמים מעג איך קומען אין די יודישע פערזאמלונג. מעג איך נעמען א ווייב פון יודען. אדער ניין: האט רבן גמליאל געזאגט צו יהודה דו טארסט ניט. האט רבי יהושע געזאגט צו יהודה דו מעגסט. האט רבן גמליאל געזאגט צו רבי יהושע דער פסוק זאגט עמון אונ מואב זאלען ניט קומען אין די פאר זאמלונג פון גאט. אפילו דער צעהנטער דור זאל אויך ניט קומען אין דיא פערזאמלונג פון גאט. האט רבי יהושע געזאגט צו רבן גמליאל זענען דען עמון אונ מואב אויף זייערע ערטער. ווס מען זאל וויסען ווער עס איז געבארען פון עמון: סנחריב דער מלך פון אשור איז דאך אויף געגאנגען אונ האט צו מישט אלע פעלקער. די מענטשען פון די מדינה האט ער פאר טריבען אין איין אנדער מדינה. אונ דיא מענטשען פון דיא אנדערע מדינה האט ער פר טריבען אין די מדינה. אזוי וויא דער פסוק זאגט סנחריב האט געזאגט איך וועל אפ טאהן די גרענצען פון די פעלקער אונ זייערע אוצרות וועל איך רויבען. אונ איך וועל אראפ נידעריג פיר זיצער פון זייערע לענדער. אונ וויל עס איז א ספק אויב יהודה איז פון עמון געבארען אדער ניין. דארף ער מעגין נעמען א יודישע ווייב. האט רבן גמליאל געזאגט צו רבי יהושע דער פסוק זאגט דאך אז גאט האט געזאגט איך וועל צוריק קערין די קינדער פון עמון אין זייער לאנד אונ זייא האבען שוין לאנג צוריק גיקערט. האט רבי יהושע געזאגט צו רבן גמליאל דער פסוק זאגט דאך אז גאט האט געזאגט איך וועל צוריק קערין מיין פאלק ישראל אונ יהודה צו זייער לאנד. אונ זיי האבען נאך ניט צוריק גיקערט. ווייס מען דאך ניט פון וואנען דער גר יהודה איז. פון עמון אדער פון איין אנדער פאלק וועלכע זיי מעגין קומען אין די פר זאמלונג פון גאט. האבען די חכמים גיפסקנט אז דער גר יהודה מעג נעמען א יודישע ווייב:

משנה ה: תרגום. דער תרגום ווס שטייט אין עזרא אונ אין דניאל איז מטמא דיא הענט. אויב ער האט געשריבען דעם תרגום ווס שטייט אין דניאל אונ אין עזרא אונ אין

ירמיה

מטמא את הידים . ולעולם אינו מטמא את הידיה עד שיכתבנו אשורית על העור ובדיו :

(משנה ו) **אומרים** צדוקים קובלנו אנו עליכם פרושים שאתם אומרים כתבי הקדש מטמאין את הידים וספרי המירס אינם מטמאין את הידים . א"ר יוחנן בן זכאי וכי אין לנו על הפרושים אלא זו בלבד והלא הם אומרים עצמות חמור טהורים ועצמות יוחנן כהן גדול טמאים . א"ל לפי חיבתן היא טומאתן שלא יעשה אדם עצמות אביו ואמו תרוודות . אמר להם אף כתבי הקדש לפי חיבתן היא טומאתן ספרי המירס שאינן חביבין אין מטמאין את הידים :

הרמב"ם ז"ל. כבר באלרנו בראשון של אבות ענין צדוק וביתוס ואחרתם וכם כיוצאים מתורתנו ומכחישים אותנו בקבלתנו ופי' קובלים מתרעמים : וספרי מירס . הם ספרים שעשו הצדוקים שמשיבים על תורתנו וחולקין עליה ונקראו ספרי מירס לומר ספרי מדתם ותשובת ר' יוחנן להם תשובתו כענין הבזיון ולעגות בהם : תרוודות. כפות וכבר באלרנו כי הכונה אשר אמו אומרים כי כתבי הקדש מטמאין את הידים כדי שנשמור ונרחיק מהם סבת הפסדם כמו שזכרנו בסוף זבים :

הרמב"ם ז"ל . כבר ידעת כי מדיננו כי העבדים שהזיקו אין חייבין בתשלומים כמו שנתבאר בב"ק נשים ועבדים וקטנים פגיעתן רעה כן שחבלו באחרים פטורים ואתם היות האדם חייב בשהזיק בהמתו כוא לשון התורה: כי יגח שור וגו' : שאם

(משנה ז) **אומרים** צדוקים קובלנו אנו עליכם פרושים מה אם שורי וחמורי שאיני חייב בהם מצות הרי אני חייב בנזקן עבדי ואמתי שאני חייב בהן מצות אינו דין שאהא חייב בנזקן אמר להם לא אם אמרתם בשורי וחמורי שאין בהם דעת תאמרו בעבד ואמה

---

ירמיה אויף לשון קודש . אונ די לשון קודש פון די נביאים האט ער געשריבען אויף תרגום . אונ דער כתב וואס מען שרייבט אויף די אנדערע זייט טייך פרת . מיט דעם כתב האט ער געשריבען לשון קודש אדער תרגום . איז ניט מטמא די הענט . אספר איז אנדערש ניט מטמא די הענט סיידין עס זאל זיין געשריבען מיט דעם כתב וואס מען שרייבט אספר תורה . אונ אויף פעל . אונ מיט טינט . ניט מיט פארב:

משנה ו : אומרים . די אפקורסים האבען גזאגט צו די רבנן . עס פאר דריסט אונז אויף אייך רבנן ודי רבנן רופט מען פרושים ווייל זיי זענען גיוועזן אפ גישיידט פון די עמי הארצים) איר זאגט די הייליגע שריפט תנ"ך איז מטמא די הענט . אונ די אפקורסישע ספרים זענען ניט מטמא די הענט . הט רבן יוחנן בן זכאי גזאגט צו די אפקורסים האבען מיר דען ניט וואס אונז זאל פר דריסען אויף די חכמים נאר די זאך אליין . עס איז דא נאך זאכען וואס אונז דארף פר דריסען אויף די חכמים . די חכמים זאגען די ביינער פון אאייזעל וואס איז גיפיינערט זענען טהור . אונ די ביינער פון יוחנן כהן גדול אז ער וועט שטארבען וועלען זיין טמא . האבען די אפקורסים גזאגט צו רבן יוחנן ווייל אמענטש איז ביי אונז ליב . דריבער הט מען גזאגט זיינע ביינער זאלען זיין טמא . אמענטש זאל ניט מאכען לעפלען פון די ביינער פון זיין פאטער אדער פון זיין מוטער . דריבער האט מען גזאגט זיי זענען טמא . וועט ער זיי מוזען בגראבען . הט רבן יוחנן בן זכאי גזאגט צו די אפקורסים . די הייליגע שריפט איז אויך אזוי . ווייל מען האט זיי ליב . דריבער הט מען גזאגט זיי זענען מטמא די הענט . מען זאל ניט מאכען פון אספר תורה אזאק אדער אנדערע כלים . אבער די ספרים פון דיא אפקורסים ווייל זייא זענען ניט ליב ביי אונז דריבער זענען זיי ניט מטמא די הענט :

משנה ז אומרים . די אפקורסים האבען גזאגט צו די רבנן עס פאר דריסט אונז אויף אייך רבנן . איר זאגט אז אאקס אדער אאייזיל טוהען אשאדין . דארף דער בעל הבית בצאלען דעם שאדין . אונ אז אקנעכט אדער אדינסט בנענים אז זיי טוהען אשאדין דארף ניט דער בעל הבית בצאהלען . איז דאך אקשיא מיין אקס אדער מיין אייזיל וואס איך בין ניט מחויב זייא זאלען טאהן מצות . פון דעסטוועגין אז זייא טוהען אשאדין מוז איך בצאהלען דעם שאדין . אונ מיין קנעכט אונ מיין דינסט דיא כנענים וואס איך בין מחויב צו זעהן זיי זאלען טאהן מצות . דארף דען ניט זיין דער דין אז זיי טוהען אשאדין זאל איך דארפען בצאהלען זייער שאדין : האבען די חכמים גזאגט צו די אפקורסים ניין עס איז ניט וויא איר זאגט .

אויב

ואמה שיש בהם דעת שאם אקניטנו ילך וידליק גדישו של אחר ואהא חייב לשלם :

(משנה ח) **אמר** מין גלילי קובל אני עליכם פרושים שאתם כותבים המושל עם משה בגט אומרים פרושים קובלים אנו עליך מין גלילי שאתם כותבים את המושל עם השם בדף ולא עוד אלא שאתם כותבים את המושל מלמעלן ואת השם מלמטן שנאמר (שמות ה) ויאמר פרעה מי ה' אשר אשמע בקולו לשלח את ישראל וכשלקה מהו אומר (שם ט) ה' הצדיק :

מסכת **פרק שלישי** עוקצין

(משנה אחרונה) **א"ר** יהושע ב"ל עתיד הקב"ה להנחיל לכל צדיק וצדיק ש"י עולמות שנאמ' (משלי ח) להנחיל אוהבי יש ואוצרותיהם אמלא. אר"ש בן חלפתא לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא

אקניטנו. אם אכעיסנו. (ופירוש אלא חייב כאן מאת שאני חייב להדליקם במעות) :

אומר מין שאתם מפתיחין בם משה רבינו בהיותם כותבים אותו בשטרות עם שם המושל ר"ל שאני כותבים זמן עבייתו לפלוני המלך תם כותבי' בספר הגולה כדת משה וישראל וא"ל חכמים כי אין זה גרע; כשמו אלא בזה גדולה לאותו המלך כמו שאנו כותבים בתורה ה' עם פרעה ולא די בזה אלא שעוד נקדים שם פרעה כמו שאמר ויאמר פרעה מי ה' אשר אשמע בקולו ולפי פוסק בפסוק אינו מאומר שיהיה מסכתא מהמסכתות בכתובת כופר עבודה אבל ואמינה בו על כן אמר וכשלקה מה אומר ה' הצדיק עכ"ל הרמב"ם :

לפי שהשלים כל דיני ההלכה הקודמת כמו שסדם אלה הדברים בגמול וענין אמרו ש"י עולמות כאילו קובלו מעדני העולם הזה בכללם לפי תענוג מיני מעדניהם וה"ה כנגד אותו המקובץ ש"י פעמים יסיה מה שיגיע אחד מן הצדיקים מתענוגי בעוה"ב כמו זה התענוג הזמן הזה איני נחזור אבל כל נפש הזכה להיי בעוה"ב ולא האבד לעולם והוא ענין יש רוצה לומר המציאות התמידי אשר לא יהקר לפי שיש הוא המציאות ואין הוא האפיסה וכאלו אומר כי אוהבי הנחיל את המציאות בפשיטות ואין שם מציאות אמתי אלא בהתמדה והוא נסבוק שם

איב מען האט גזאגט אז אקס אדער איזיל טוהען אשאדין דארף דער בעל הבית בצאלען: ווייל זיי האבען ניט קיין שכל צו טאן מיט פריים אשאדין דער בעל הבית זאל דארפען בצאהלען. אין זייער שאדין גיטאהן געווארין אמאהל טרעפינדיג. ווילט איר זאגין אז אקנעכט אונ אדינסט בנעגים אז זיי טוהען אשאדען. זאל אויך דארפען דער בעל הבית בצאהלען. זייא האבען דאך שכל צו טאהן אשאדען מיט פריים דער בעל הבית זאל דארפען בצאהלען. אויב איך וועל דעם קנעכט אדער דיא דינסט דער צערענען וועט ער גיין אונ וועט אן צינדען אפרעמדען שייער אונ איך וועל מוזען בצאהלען. דריבער האט מען גזאגט אז פאר דעם שאדין פון זיין קנעכט אונ פון זיין דינסט דארף ניט דער בעל הבית בצאהלען:

**משנה ח** אמר. אאפקרוס פון גליל האט גזאגט צו דיא רבנן מיך פאר דריסט אויף איך רבנן. פאר וואס איר שרייבט אין אגט דעם נאמען פון מלך מיט דעם נאמען פון משה רבינו ופאר ציימען פלעגט מען שרייבען אין אגט אזוי פיל יאהר איז פון דעם מלך. ווען זיין מלוכה האט זיך אן גיהויבען. אונ אין סוף פון גט שרייבט מען כדת משה וישראל. האבען דיא רבנן גזאגט צו דעם אפיקורוס אונז פר דריסט אויף דיר דו אפקורוס פון גליל. איר שרייבט דעם נאמען פון מלך מיט דעם נאמען פון גאט אויף איין זייט. אונ נאך ניט דאס אליין טוהט איר. נאר איר שרייבט דעם נאמען פון מלך הויבען (פריער). אונ דעם נאמען פון גאט אונטען (שפעטער). אזוי וויא עס שטייט אין פסוק פרעה הט גזאגט ווער איז גאט וואס איך זאל הערין וואס ער זאגט. מען זאל ארויס שיקען דיא יודען פון מצרים. שטייט פרעה פריער דער נאך שטייט ה'. אונ אז פרעה איז גישלאגען געווארען וואס האט ער גזאגט ה' הצדיק. גאט איז גירעכט:

**משנה יב** אמר. רבי יהושע בן לוי הט גזאגט גאט וועט געבין צו יעדער צדיק בזונדער דריי הונדערט מיט צעהן וועלטין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל געבין צו די צדיקים. וואס האבען מיך ליב. יש. דריי הונדערט מיט צעהן. שי"ן איז דריי הונדערט. יוד איז צעהן. אונ זייערע אוצרות וועל איך פול מאבען מיט אלעם גוטען:

רבי שמעון בן חלפתא הט גזאגט גאט האט ניט געפונען קיין אנדער כלי וואס זי זאל אויף האלטען אלע ברכות ביי דיא יודען. נאר שלום. אז עס איז שלום ביי די יודען האבען זייא אלע ברכות. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק גאט וועט געבין שטארקייט צו די יודען. ער וועט זיי שטארקען

אלא השלום שנאמר (תהלים כט) ה׳ עוז לעמו יתן ה׳ יברך את עמו בשלום:

# סליק מסכת עוקצין

**נאמר** התענוג על דרך משל ומספרם י״ש וזהו על דרך התעוררות בלבד כי אותו התענוג גדול למעלה פלאה כי כמו שאין שווי בין הנמצא לאשר אינו נמצא כן אין שווי בין אלו הטעמים אשר אנחנו ואותם התענוגים . הרמב״ם ז״ל :

שְׁטַארְקְעןֿ מִיט אַלֶע בְּרָכוֹת . אוּנ גָאט וֶועט זַייא בֶּענְטְשֶׁין מִיט שָׁלוֹם

## תם ונשלם